מאמר השקפה

חג הסוכות

שנת תשפ"ז לפ"ק

# אין אלע מצבים

# בלייבט דער אתרוג עקסטער...

"ושמחת בחגך" איז בגימטריא תשפ"ז.

כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק **מסאטמאר שליט"א** האט דאס משמיע געווען ברבים ביים עריכת שולחן הטהור מוצאי יוה"ק שפ"ז.

אזא געשמאק, אזא לעכטיגקייט, אזא גוט געפיל אויפ'ן הארץ.

מיר האבן רמזים פון אלע זייטן וואס צייגן אונז אן אז היי יאר תשפ"ז בגימ' "**זמן חירותינו**". ווי דער רבי שליט"א האט שוין ערווענט מוצאי ראש השנה.

מיר וועלן בעז"ה זוכה זיין צו א גליקליכע יאר, א גוט יאר, א געבענטשטע יאר, א יאר אן קיין עגמת נפש. אלע ווייטאגן און אלע יסורים, אלע מכאובים פון פארגאנגענעם יאר תשפ"ו וועלן פארשוואונדן ווערן, אלעס וועט אריינגיין אין א נחלת העבר, און מיר גייען האבן א לעכטיגן 'הוה' און א לעכטיגן 'עתיד'.

די טעג צווישן יום כיפור און סוכות זענען גרויסע טעג. דער הייליגער **חתם סופר** האט אין די טעג זיך נישט געקענט מצמצם זיין צום לערנען בעיון, און ער האט ליבערשט פארפאסט שירים, מחמת גרויס אהבה והשתוקקות אין די איבערגאנג טעג פון ימי תשובה מיראה צו די ימי תשובה מאהבה.

אידישע קינדער זענען פארנומען, מ'לויפט ארום, מ'איז עוסק במצוות, נישטא קיין צייט צו זינדיגן. סוכה, ד' מינים, אלע טירדות איז נאר פארנומען מיט די הכנה צו "**ולקחתם לכם ביום הראשון**", ראשון לחשבון עוונות.

מיר שטייען היי יאר אין א יאר, ווען '**ביום הראשון**' וועט מען נישט מאכן די ברכה אויפ'ן אתרוג מחמת תקנת חכמינו ז"ל, וואס דאס אליין ווייזט ארויס אונזער קשר צו דברי חכמינו ז"ל. עס איז א מציאות אז דייקא דער '**שב ואל תעשה**', דאס וואס מיר וועלן 'נישט' אתרוג בענטשן. דאס איז דער גרעסטער '**קום ועשה**' צו ווייזן אונזער דביקות און אמונה אין אלע ווערטער פון אונזערע הייליגע חכמים, איז דאך טאקע דער ערשטער טאג יום טוב, דער '**ראשון לחשבון עונות**', ווי עס זאגט דער הייליגער בארדיטשובער, דער זמן פון תשובה מאהבה, ווייל דאס ווייזט מער ווי אלעס אונזער אהבה, אונזער דביקות, אונזער התקשרות, און אונזער ליבשאפט צום רבש"ע.

אוי ווי לעכטיג, אוי ווי זיס איז צו זיין אן ערליכער איד. מיר האבן אזויפיל געבעטן אין די לעצטע טעג, מיר האבן אזויפיל מתפלל געווען פאר א 'כתיבה וחתימה טובה', פאר א גוט געבענטשט יאר. ביי יעדן אין קאפ איז אויפגעשווימען מחזות, איבערלעבענישן וואס מ'איז אריבער אין תשפ"ו, בכלל ובפרט.

## וואס טוט יעצט משיח?

עס איז אויפגעקומען אויפ'ן געדאנק די ווערטער **וואס מרן רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע** פלעגט נאכזאגן פון זיין זיידן דער '**ישמח משה**' זלה"ה ביי די הייליגע דרשות, וויאזוי עס זעט אויס אויבן אין הימל בימי הדין.

עס קומען זיך צונויף אלע שרי מעלה, אלע שרים פון אלע אומות העולם, יעדער וויל הערן וואס עס ווערט אפגע'פסק'עט פאר זיין פאלק. על המדינות בו יאמר.

צווישן זיי קומט דער מלך המשיח. ער קוקט ארויס און ווארט און לעכצט צו הערן אז מ'זאל אים זאגן '**השנה**', היי יאר איז דער לאנג ערווארטעטער יאר אויף וואס מ'קוקט שוין ארויס אזויפיל טויזנטער יארן, '**היום**' אם בקולו תשמעו.

אבער דער יאר איז אנגעקומען "**הושענא למענך גואלינו**", די מקטרגים טאנצן, שפרינגען, טענה'ן, זענען זיך מתווכח, און מיט וואספארא בושות דער מלך המשיח גייט ארויס ווען ער מוז הערן אז יענע חברה האבן גובר געווען, און ניין, מ'האט עס אפגעשטופט אויף נאך א יאר.

**תשפ"ז איז בגימטריא "זמן חירותנו".**

דער מלך המשיח האט אוודאי געהאפט און אוודאי ארויסגעקוקט היי יאר אז ער איז אנגעגעשריבן אז היי יאר גייט ער ארויס וידו על העליונה, ער האט מנצח געווען, און מען האט אים געהערט, און דערהערט.

לאמיר נאך האפן אז די בזיונות זענען טאקע נישט געווען דעם יום כיפור. לאמיר האפן אז דער מלך המשיח דרייט זיך יעצט ארום

**אזא דורכפאל פאר אמעריקע צו זיין אזוי אויסגעשפילט איז נאר ווען זיי ווערן שותפים מיט 'מדינת ישראל', ווייל דארט איז דאס אלעמאל אזוי: קליינע, קורצע סוקסעסן לפי שעה, אויגן-פארבלענדעניש פאר פינף מינוט, און דערנאך מוטשעט מען זיך יארן צו פארריכטן די שאדנס פונעם 'סוקסעס'. דאס איז פשוט אן 80 יעריגע היסטאריע פון מדינת ישראל.**

בקומה זקופה, הערנדיג דעם פסק דין וואס איז נעכטן פארזיגלט געווארן. סיי וויאזוי ווארטן מיר נאך אויפ'ן זמן פון 'מסירת הפתקין', הושענא רבה, און ס'האט נאך א מעגליכקייט פאר א תיקון ביז זאת חנוכה.

מיר האפן אז 'תצא בצדק דינינו', און עס איז דא גאר גרויסע שאנסן אז '**תשפ"ז**', יא דער פאלנער פשוט'ער יאר 'תשפ"ז', דאס איז דער יאר, דער אויסדערוועלטער יאר, אויף וואס אונזערע זיידעס, אונזערע רבי'ס, אונזערע צדיקים הקודמים, די הייליגע תנאים ואמוראים, האבן ארויסגעקוקט ווען זיי האבן געגאסן טייכן טרערן ביי **"ולירושלים עירך ברחמים תשוב, ותשכון בתוכה כאשר דברת, ובנה אותה בקרוב בימינו בנין עולם", "ותחזינה עינינו במהרה בשובך לציון ברחמים".**

יא יא! לאמיר האפן מ'האט דאס אויסגע'פועל'ט אין אזא קליינע נארישע יאר ווי תשפ"ז, דאס איז דאס יאר וואס עס וועט ארויסגיין דער כרוז פון "**הגיע זמן גאולתכם**", און אליהו הנביא וועט ערשיינען בראש כל חוצות און אויסרופן דער זמן פון די גאולה שלימה.

> **"איך פארשטיי אייך אינגאנצן נישט, מילא הרב זאנענפעלד איז א מענטש מיט א שיטה, ער האלט דאס וואס ער האלט, און ער שטייט מיט אלע כוחות צו שיצן אויף זיין שטעלונג. איך האב אויך מיין שיטה, איך האלט וואס איך האלט, און איך פרובירט אויסצופירן דאס מייניגע, אבער איר, וואס זענט איר?! וואס איז אייער שטעלונג, דא ציילט איר זיך צווישן די פרומע רבנים, און דא לעקט איר זיך צו מיר?! ביטע, מאכט אפ וואו איר שטייט איין".**

אוי, טאטע, הלואי! הלואי!

## ועל המדינות בו יאמר

האט ווער געטראכט פאריאר אין די הייליגע טעג תשפ"ו אז דער אמעריקאנער פרעזידענט טראמפ וועט זיך לאזן פירן דורך די צעווילדעוועטע מדינת ישראל, און זיך אין איינעם ארויסלאזן אין אזא שארפע מלחמה קעגן איראן? און ווער האט געגלייבט אז אויב שוין יא ארויס אין מלחמה, וועט אריבערגיין לאנגע 8-9 חדשים, און מען זאל זיך דערזען מיט אזא אזלת יד, אזוי זיין צו נאר, אזוי אויסגעשפילט.

אמעריקע איז נישט צוגעוואוינט צו אזעלכע דורכפעלער, און אוודאי נישט אונטער פרעזידענט טראמפ - וועלכער הערט זיך נישט אויף צו גרויסן אז אונטער אים איז אמעריקע נאר גרויס, נאר געלונגען, נאר מצליח, נאר סוקסעספול.

אזא דורכפאל פאר אמעריקע צו זיין אזוי אויסגעשפילט איז נאר ווען זיי ווערן שותפים מיט '**מדינת ישראל**', ווייל דארט איז דאס אלעמאל אזוי: קליינע, קורצע סוקסעסן לפי שעה, אויגן-פארבלענדענישן פאר פינף מינוט, און דערנאך מוטשעט מען זיך יארן צו פאררעכטן די שאדנס פונעם 'סוקסעס'. דאס איז פשוט אן 80 יעריגע היסטאריע פון מדינת ישראל.

תשפ"ו זענען מיר געוואויר געווארן, אוי לרשע אוי לשכנו.

אויב 'טראמפ' האט באשלאסן זיך משדך זיין מיט 'ביבי נתניהו', צאלט ער דעם פרייז ווי א מחותן.

## אחינו בני ארה"ק הנתונים בצרה ובשבי'

דאס זענען די פירות פון תשפ"ו.

דער שווידערליכער מצב פון גזירת הגיוס, דאס אכזריות, דאס רשעות, די פארביסנקייט, דאס גיין מיט'ן קאפ אין וואנט פירן א מלחמה מיט'ן גאנצן יהדות החרדית אויף אזא געמיינעם אופן, דאס פייניגן אידישע קינדער. דס איז עפעס וואס לייגט זיך בכלל נישט אויפן שכל.

אזויפיל הונדערטער הונדערטער אידישע קינדער האבן נעבעך מיטגעמאכט און געליטן פון דעם אגרוף רשע וואס די רשעים האבן אנגעווענדעט אין דעם פארגאנגענעם יאר, זיך טרעפנדיג געפאנגען אין די פינסטערע ציוני'סטישע טורמעס.

צענדליגער טויזנטער בחורים ואברכים געפונען זיך אין אזא שווערן מצב. מ'ווייסט נישט וואס צו טון, מ'ווייסט נישט וויאזוי צו טון, וויאזוי זיך אן עצה צו געבן.

אין די מענטשליכע אויגן איז נישט דא קיין געהעריגע מהלך בכלל וואס און ווען און וויאזוי צו טון. אלעס ווענדט זיך אין אונזערע תפלות אין די הייליגע טעג. מיר האפן אז יעצט שטייענדיג נאך יום הקדוש האבן מיר אויסגע'פועל'ט א ישועה.

## דער אתרוג בלייבט אליין

עס איז דא א טיפער ענין וואס מיר לערנען אינעם יו"ט סוכות, וואס איז נוגע די ד' מינים.

דער הייליגער יום טוב סוכות ווערט אנגערופן "**חג האסיף**", באספכם את תבואות הארץ. ווי די ספרים הק' זענען מאריך, איז אין דעם הייליגן יו"ט גאר שטארק דאס ענין פון אחדות ביי כלל ישראל, א זמן אסיפה, ווען מען נעמט זיך צוזאמען ערליכע אידן מיט א קשר אהבה אחוה שלום ורעות.

דער מדרש איז דאך אויך באקאנט וואס זאגט אז דאס ענין פון בינדן די ד' מינים איז א בחינה פון "יבואו אלו ויאגדו עם אלו", אלע מינים ביי כלל ישראל, פון בעסטן ביזן ארגסטן זאלן זיך צוזאמען נעמען לעבדו שכם אחד, ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם.

די ווערטער זאגן זיך זייער פשוט, עס טייטשט זיך זייער גרינג, עס איז אבער נישט אינגאנצן אזוי.

עס איז באקאנט אז עס איז אנגעגאנגען א העפטיגע מחלוקה וואס האט זיך געצויגן אן ערך פון זעקס יאר - פון תרפ"ח ביז תרצ"ד - איידער **מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע** האט זיך געקענט אריבערציען אננעמען דעם אמט אלס רב ואב"ד אין די שטאט סאטמאר.

די סיבות פון דאס התנגדות זענען געווען פארשידנארטיג. עס זענען געווען חסידים פון אנדערע רביים וואס האבן געהאט פערזענליכע אינטערעסן דערביי; עס זענען געווען ציונים, אדער סתם פושעי ישראל וואס האבן געוואוסט אז דער רבי וועט זיי באקעמפפן בכוחו הגדול; אבער עס זענען אויך געווען סתם

אשכנזי'שע שטאטישע אידן וואס האבן געהאלטן אז דער רבי, אלס חסידישער רבי וואס פראוועט חסידים, נעמט קוויטלעך און דאוונט שפעט, וועט זיך נישט געהעריג אפגעבן מיט די שטאטישע אידן, און מיט זיין רבנות וועט זייער טייל באקריוודעט ווערן. און דאס האט געברענגט זייער התנגדות צום רבי'נס ערוויילונג.

אבער ווי באקאנט איז דער רבי צום שלוס אנגענומען געווארן דורך רוב מנין ובנין פון די בני העיר וואס האבן זיך פאראייניגט בדעה אחת אנערקענענדיג אז דאס וועט זיין די איינציגסטע און בעסטע שריט פארן וואוילזיין און עתיד פון די שטאט סאטמאר.

דער רבי איז אנגעקומען קיין סאטמאר אין חודש אדר תרצ"ד, און דעם פאלגענדן ימים נוראים האבן זיך שוין געמאלדן די ראשי הקהלה פון די שטאטישע שוהל, אז זיי ווילן קומען איבערשמועסן מיטן רבי'ן דאס ענין אז דער רבי גיבט זיך צופיל אפ מיט די חסידים, ער דאוונט אין זיין חסיד'ישן בית המדרש און נישט אין די גרויסע שוהל, און דער שטאטישער ציבור שפירט אז זיי ווערן באקריוודעט דורך דעם.

דער רבי האט אפגעשמועסט מיט זיי אן אסיפה אויף חול המועד סוכות, ווען ער האט זיי אויפגענומען ביי זיך אין די סוכה און ער האט געהערט זייערע טענות אויף דעם וואס די ביז איצטיגע רבנים פלעגן דאווענען אין זייער שוהל, זייערע קינדער האבן געזען דעם רב, וואס דאס האט אויף זיי געהאט א השפעה, און דער רבי באווייזט זיך זייער זעלטן.

האט זיי דער רבי געענטפערט בנועם שפתיו אנהויבענדיג מיט א דבר תורה, וואס אין דעם האט געדארפט זיין מרומז א שטיקל תשובה אויף זייער טענה, מיט'ן מדרש (פר' אמור) וואס זאגט אויף דאס וואס מ'בינדט צוזאמען די ד' מינים, אז דאס ציינגט אויף פיר סארט מענטשן, דער אתרוג איז מרמז אויף צדיקים וואס האבן א טעם וריח וכו', אמר הקב"ה יבואו אלו ויאגדו עם אלו, וועגן דעם טוט מען זיי אלע צוזאמען בינדן.

"לכאורה - האט דער רבי געפרעגט - פארוואס אבער בינדט מען צוזאמען דעם לולב מיט'ן הדס וערבה, ווידער דעם אתרוג האלט מען עקסטער און נאר בשעת די נענועין נעמט מען זיי צוזאמען אינאיינעם? דער אתרוג איז דאך דער בעסטער און ערליכסטער?! נאר וואס דען?! מיר זעען פון דעם אז דעם אתרוג טאר מען נישט צוזאמען בינדן מיט די שוואכערע, און נאר ווען עס פעלט זיך אויס לצורך מצוה נעמט מען זיי אינאיינעם...".

דער ראש הקהל ר' יחיאל פראנקל האט זיך באלד אנגערופן צו זיינע חברים "דער רבי זאגט אונז די תשובה ברמז".

ביי יענע אסיפה האט דער רבי פארזיכערט פאר די ראשי הקהלה אז ער וועט קומען אפטער צו זיי אין שוהל, און ער וועט זיך מער אפגעבן מיט זיי.

וואס מיר לערנען פון אט די מעשה איז איין נקודה. מען זאגט טאקע "יבואו אלו ויאגדו עם אלו", אבער דאך בלייבט דער אתרוג באזונדער.

דער אתרוג דארף זייער שטארק היטן אויף זיך, דער אתרוג דארף היטן אויף א שטארקע התבדלות כדי ז' זאל נישט נפגם ווערן פון אנדערע.

מיר דארפן זיך שטארק האלטן צום ווארט וואס מ'זאגט נאך פון רביה"ק זי"ע "מ'דארף זיין גוט צו יעדן, **אבער נישט גוט מיט יעדן**".

צו מאכן אן אגודה אחת, דאס קענען מיר נישט מיט יעדן איינעם.

## מיט וועמען האלט איר?!

לאמיר אויפמישן א בלעטל היסטאריע.

געווען איז דאס מיט העכער 100 יאר צוריק, אין די תקופה פון נאך די ערשטע וועלט מלחמה. אין ירושלים עיה"ק איז דער מצב געווען זייער שווער. שוין יארן וואס די רעגלמעסיגע תמיכה פון חו"ל קומט נישט אן, די מלחמה יארן האט אלעס אפגעהאקט און צושטערט. אידן האבן נישט קיין לחם לאכול, און מיט די אייגענע אויגן קוקט מען צו ווי קינדערלעך דרייען זיך געשוואלן פאר הונגער און עס איז נישטא קיין שטיקל ברויט אריינצונעמען אין מויל.

אט קומט אן קיין ארץ ישראל דר. חיים וויצמאן שר"י, וואס אין זיינע שמוציגע הענט איז אריינגעפאלן א מעכטיגע סומע געלט, און גאנצע שיפן מיט עסנווארג וואס תושבי חו"ל האבן געשיקט פאר די ארץ ישראל'דיגע אידן. ארויפקומענדיג קיין ירושלים האט ער געמאלדן אז ער איז גרייט צו טיילן געלט פאר ווער עס איז גרייט צו נעמען. ער איז גרייט צו שטיצן די מוסדות, די תלמודי תורה, די בתי חינוך די רבנים, אויב מען זאל נאכקומען זיינע פארלאנגען, וואס ער האט באצייכנט אלס קלייניגקייטן, ממש אומוויכטיגע קלייניגקייטן.

> **ריכטיג, ס'איז קלאר אז דער שרעקליכער רשעות און אכזריות פון די רשעי הציונים קעגן חרדי'שע אידן גרייכט פרישע פרעצעדענטלאזע שטאפלען פון יאר צו יאר, און האלט יעצט ביי א שטאפל וואס איז נאכנישט געווען, אבער זייער רשעות ענדיגט זיך נישט ביים גזירת הגיוס, זייער רשעות איז אנגעגאנגען אויך אין די צייטן וואס זיי האבן געגאסן ריזיגע געלטער און געלאזט די חרדי'שע בחורים - צייטווייליג - לערנען אין די ישיבות.**

דערציילט **הרב משה בלויא** ז"ל - דער מנהיג פון אגודת ישראל אין ירושלים - אין זיין ספר עמודא דנהורא, אז ביי אן אסיפה וואס איז פארגעקומען צווישן די רבנים מנהלי המוסדות מיט דעם אותו האיש ימ"ש איז אויך אנוועזנד געווען דער ירושלים'ער **רב הגה"ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצוק"ל**, וועלכער האט הערנדיג דעם פארלאנג פון דעם רשע צו באשטימען א שעה צייט יעדן טאג צו לערנען די העבראישע שפראך זיך גאר שארף אנטקעגן געשטעלט, און ער האט דערקלערט אז דאס וועט נישט טאלערירט ווערן, קיינער איז נישט גרייט אנצונעמען זיינע טובות, מען דארף נישט זיין געלט, אבער דער חינוך הטהור וועט נישט גערירט ווערן.

ווען דער ירושלים'ער רב האט אויסגעשריגן זיינע פייערדיגע ווערטער, איז וויצמאן ימ"ש רויט געווארן פאר כעס, ער האט פשוט

נישט געקענט אריבערטראגן די שארפע אטאקע און דער אפוואורף פון זיין פלאן.

צווישן די רבנים וואס זענען אנוועזנד געווען ביי די אסיפה זענען אויך געווען אזעלכע וואס זענען נישט געווען איינגאנצן מיט די מיינונג פונעם ירושלים'ער רב, און זיי האבן געשפירט אז זיי קענען נישט עומד בנסיון זיין. זעענדיג ווי שארף רבי יוסף חיים האט אפגעענטפערט דעם רשע, האט זיך איינער פון יענע רבנים אויפגעשטעלט און גענומען ווייצמאן אין א ווינקל און ער האט איהם פרובירט צו בארואיגן אז רבי יוסף חיים איז זייער עקסטרעם, און זיין מיינונג שטעלט נישט פאר אלעמענס מיינונג, און עס זענען דא אנדערע מיינונגען אויך.

אנשטאט וואס דער רשע זאל אים ענטפערן אויף זיינע ווערטער האט ער זיך אויסגעדרייט צו די פארזאמלטע און ער האט אים געענטפערט אויפ'ן קול אז אלע זאלן הערן.

**„איך פארשטיי אייך איינגאנצן נישט, מילא הרב זאנענפעלד איז א מענטש מיט א שיטה, ער האלט דאס וואס ער האלט, און ער שטייט מיט אלע כוחות צו שיצן אויף זיין שטעלונג. איך האב אויך מיין שיטה, איך האלט וואס איך האלט, און איך פרובירט אויסצופירן דאס מייניגע, אבער איר, וואס זענט איר?! וואס איז אייער שטעלונג, דא ציילט איר זיך צווישן די פרומע רבנים, און דא לעקט איר זיך צו מיר?! ביטע, מאכט אפ וואו איר שטייט אייך”.**

די ווערטער זענען געזאגט געווארן פונעם אבי אבות הטומאה שר"י, אבער דאס בייסט און שטעכט, און ליידער לדאבונינו ביזן היינטיגן טאג האבן מיר איבערצופרעגן די שאלה אין ריכטונג פון מענטשן וואס די פראגע עגבערט זייער שטארק קוקנדיג אין זייער ריכטונג.

## דער אתרוג בלייבט אייביג עקסטער!

עת צרה היא ליעקב וממנה יושע.

אידישע קינדער זענען אין א זייער שווערע מינוט, און מען דארף גרויסע רחמי שמים.

דער מצב אין די ציוני'סטישע מדינה זעהן מיר דאך ווי אזוי זי זעהט אויס. 'קרבות יחפצון', דער ראש הממשלה וויל נאר מלחמות, נאר שפיכת דמים, און ער שטעלט זיך נישט אפ פון גארנישט. אפגעזעהן וויפיל עס איז דער פרייז.

ווי נענטער עס רוקט זיך צו די וואלן וויל ער נאר זיכער מאכן אז מ'האלט אינמיטן א קריג, מ'האלט זיך אינמיטן שלאגן, און עס איז ביי יעדן זיכער אז יעצט קען מען איהם נישט פארשיקן לעזאזל.

מיטן היינטיגן מציאות, בפרט מיטן ביטערן גזירת הגיוס, זענען אלע ערליכע אידן שלומי אמוני ישראל בדעה אחת אז די מדינה איז אן אנשיקעניש, די מדינה איז א ביטערע צרה פאר אידישע קינדער, און יעדער איינער איז שוין היי יאר ארויסגעקומען בשער בת רבים לוחם זיין קעגן די ממשלה מיט אירע ביטערע גזירות.

אבער... יעצט וועט קומען בחירות, וועט זיך זיכער אנהויבן צו קאכן א קאשע פון אל"ף. ווידעראמאל וועט מען אנהייבן צו דן זיין אויף טריט און שריט, ווי וויכטיג און ווי הייליג עס איז צו זיין בלינד און זיך לאזן פירן כצאן לטבח און זיך איבערגעבן אין זייערע הענט אזוי ווי די לעצטע 80 יאר.

עס זענען דא גרויסע רבי'ס און מנהיגים וואס וועלן כסדר מוטיגן דעם ציבור יראים צו גיין צו בחירות, און טון כל מה שביכלתם אז די מלכות הרשעה די מלכות המינות זאל נישט אונטערגיין.

מיטאמאל, איינמאל די ציונים קומען ארויס מיט זייער אפענעם פרצוף און פייניגן אויס די פרומע אידן מיט די גרעסטע רשעות און אכזריות, ווען זיי שלעפן 'אונזערע' בחורים אין מיליטער, פלוצלונג קומט ארויס דער כעס און דער אויפברויז קעגן די ציונים, ווי כאילו דאס כלל ישראל האט גארנישט קעגן די רשעים מער ווי דאס וואס זיי ווילן נעמען אונזערע בחורים אין מיליטער.

**מיטאמאל, איינמאל די ציונים קומען ארויס מיט זייער אפענעם פרצוף און פייניגן אויס די פרומע אידן מיט די גרעסטע רשעות און אכזריות, ווען זיי שלעפן 'אונזערע' בחורים אין מיליטער, פלוצלונג קומט ארויס דער כעס און דער אויפברויז קעגן די ציונים, ווי כאילו דאס כלל ישראל האט גארנישט קעגן די רשעים מער ווי דאס וואס זיי ווילן נעמען אונזערע בחורים אין מיליטער.**

**מאכט זיכער אז די קשיא וואס ווייצמאן האט געפרעגט בימיו, זאל נישט שווער זיין אויף אייך כהיום הזה! עס איז גרויסע בושות...**

יעצט, נאר יעצט, איז א צייט ארויסצוגיין פון די ממשלה, יעצט איז די צייט צו שפילן קנאות!

מאכט זיכער אז די קשיא וואס ווייצמאן האט געפרעגט בימיו, זאל נישט שווער זיין אויף אייך כהיום הזה! עס איז גרויסע בושות...

ריכטיג, ס'איז קלאר אז דער שרעקליכער רשעות און אכזריות פון די רשעי הציונים קעגן חרדי'שע אידן גרייכט פרישע פרעצעדענטלאזע שטאפלען פון יאר צו יאר, און האלט יעצט ביי א שטאפל וואס איז נאכנישט געווען, אבער זייער רשעות ענדיגט זיך נישט ביים גזירת הגיוס, זייער רשעות איז אנגעגאנגען אויך אין די צייטן וואס זיי האבן געגאסן ריזיגע געלטער און געלאזט די חרדי'שע בחורים - צייטווייליג - לערנען אין די ישיבות.

דאס איז א לעקציע וואס מ'דארף געדענקען, אפגעזען וויאזוי די נושא פון גזירת הגיוס וועט זיך אויסלאזן.

שלומי אמוני ישראל דארפן אלעמאל געדענקען און וויסן אז אן אתרוג האלט מען אלעמאל עקסטער.